# 40th Anniversary
# and Victory Banquet
# and Reception

TENDERED BY

**1st FILSHTINER BEN. ASS'N.**

*Saturday, March the Thirtieth*

*Nineteen hundred and forty-six*

# MENU

Fruit Supreme

Table Celery

Cole Slaw | Dill Pickles

Baked White Fish | Sauce Creole

Garden Vegetable Soup

Sweetbread with Mushrooms on Toast

Roast Philadelphia Poulet

Stuffed Derma | Carrots and Peas

Assorted Cakes | Melon Ices

After Dinner Mints | Demi Tasse

Beer

Celery Tonic

Mineral Water

**THE BEETHOVEN**
**210 East 5th Street**
**New York City**

*Nathan Stoller*
Caterer

Souvenir
Journal

# Fortieth 40 Anniversary

# VICTORY BANQUET

OF

## First Felshtiner P. Ben. Ass'n.

*Saturday Evening March 30th, 1946*

BEETHOVEN HALL
210 East 5th Street
New York, N. Y.

Music Maestro
*Dave Terras*

## *IN HONOR OF ALL OUR SERVICEMEN*



CPL. SAM APTMAN
SGT. 3/c MARTIN L. BAUM
SGT. JOSEPH BAUM
2nd LT. BERNARD BAUM
MAJOR ABRAHAM BAUM
SGT. Z. FLEESLER
CORP. FRED FORMAN
TECH. SGT. HAROLD FORMAN
STAFF SGT. GERY FORMAN
STAMM SGT. MARTIN GUREWITZ
Navy F. C. 3/c IRVING
CPL. JACOB GOLDMAN
SGT. SIDNEY GREENSEID
S/SGT. ISRAEL HOROWITZ
PFC. JACOB KLING
PVT. DAVID KDEITZER
SGT. SAMUEL LISS
PVT. A. RICHTER
LT. D. SILVERMAN
CPL. SIDNEY SUBRY

STAFF SGT. SAMUEL A. SIEGEL
First Lt. (Marines) ALFRED SIMON
BERNY SIMON
First Lt. C. M. SCHENKMAN
PVT. DAVID WASSERMAN
PFC. HERBERT WASSERMAN
SGT. S. WASSERMAN
PVT. IRVING WASSERMAN
Rec. Sec'y Banquet
PVT. MORRIS FELDMAN
CPL. ARTHUR S. FELDMAN
CPL. JULIUS
GEORGE SILVERMAN
Flight Com. JACK SIEGEL
CPL. AARON SIEGEL
CPL. HERBERT ROSENBAUM
PVT. ROBERT ROSENBAUM
PVT. PHILIP FRIEDMAN
S/3 ZACHRY FLEESLER
CPL. WALTER STONE





# Fortieth 40 Anniversary

# VICTORY BANQUET

OF

## *First Selshtiner P. Ben. Ass'n.*

*Saturday Evening March 30th, 1946*

**BEETHOVEN HALL**
**210 East 5th Street**
**New York, N. Y.**

**Music Maestro**
*Dave Terras*

## פערציג יאָהר

ווען איינער וואָס איז גענויגט צו טראכטען זאָל קאָנען נעמען אויפ׳ן טוח די געשעהענישען פונ׳ם אידישען לעבען אין די לעצטע פערציג יאָהר וועלען זיך ביי איהם שטעלען די האָר קאַפויר . . .

פערציג יאָהר געשיכטע אינ׳ם אידישען לעבען איז נים גלאט אַן עפּיזאָד ווי ביי אנדערע פעלקער ; ביי דעם אידישען פאָלק איז עס אַן עפּאָכע . . .

— און אין דער פארבייגעגאנגענער פערציג יאָהריגער עפּאָכע, איז אונזערע אייביגע מערדערישע שונאים געלונגען צו פארניכטען כמעט א דריטעל פון אונזער פאָלק און ענדליך אויך חרוב ונחרב צו מאכען צווישען אַלע אנדערע אידישע שטעדט אויך אונזער באַליבט שטעטעלע פעלשטין — דאָס איינציגע שטיקעל מקום מנוחה וואָס אונזערע אבות האָבען, דורך דור דורות, אויפגעבוים פאָר זיך מיט זייער בלוט און שוויים ! און צולעצט פאָרפייניגט און פארטיליגט אונזערע ליבע מיט אזא אכזריות וואָס האָט גאָר קיין גלייכען נים אין דעם אונענדליכען מאַטירערטום פון אידישען פאָלק, אַזוי אז מען וועט אפילו קיין מאָל נים דערגעהן וואו עס איז אהינגעקומען דאָס געביין פון אונזער בלוט און פלייש . . .

ניין ! נימאָ פאָר אונז קיין טרייסט ! דאָך, האָפנונגען טאָרען מיר בשום אופן נים פאָרלירען. ווייל . . . דורך די שוידערליכע פערציג יאָהר איז א נס געשעהן . . און ווייל פון דעם נס מוז, איבער א נייעס, אַרויסשפּראָצען אונזערע האָפנונגען און אונזער טרייסט . . .

עס מוז פאָרעכענט ווערען פאָר א נס — וואָס אינ׳ם לויף פון די לעצטע פערציג פופציג יאָהר איז אין פעלשטין אויסגעלאָשען געוואָרען דאָס צוקונפטיגע ליכט פאָר דער פעלשטינער יוגענט . . א שרעק איז איהר באַפאַלען ווען זי האָט אריינגעבליקט אין דער פעלשטינער צוקונפט, זי האָט גענומען לויפען וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען . . . זי האָט זיך צוזייט און צושפרייט איבער דער גאָרער וועלט ; און אַ טהייל פון דער יוגענט איז פאַרוואָרפען געוואָרען מעבר לים — אין דעם פרייען לאנד אַמעריקא.

טאטע מאמע האָט געוויינט און געקלאָגט וואָס זייערע קינדער אנטלויפען פון פעלשטין. ווער וואָלט געוועזען געזאָגט, מיט פערציג יאָהר צוריק, אז מיט דעם אנטלויפען פון פעלשטין געשעהט א נס ? ! אז דאָ ראַטעוועט זיך דער שטאָם פון פעלשטין ! . .

אויף דעם אַמעריקאנער באָדען האָט זיך די פעלשטינער יוגענט צואוואקסען און צובליהט, ווי די זרע וואָס דער ווינט פאַרטראָגט און לאָזט איבער אויף א פרוכטבארען באָדען.

אמת, זייער לעבען האָט גענומען געהן אויף א גאָר אַן אנדער שטייגער ; אָבער דאָך, געלעבט האָט מען אַ אידיש לעבען : אין זייערע ליבע האָבענזיי נים פאַרגעסען ; און אין דעם בראָך פונ׳ם אידישען פאָלק וועלען זיי זיכער קיין מאָהל נים פאַרגעסען . . .

FIRST FELSHTINER PROGRESSIVE BEN. ASS'N.

יאָ ! די צווייגען פונ׳ם פעלשטינער בוים האָבען זיך צוואוואקסען און צובליהט אויף דעם פרייען אַמעריקאנער באָדען : זיי האָבען געשאפען א פעלשטינער געטיינדע לויט דעם מנהג פונ׳ם נייעם לאנד און זיי האָבען איינגעפיהרט פריינטליך געזעלשאפט־ליכע פאַרזאמלונגען און יום־טוב׳דיגע צוזאמענקונפטען. ווער וואָלט זיך געוועזען גע־גלויבט אין פעלשטין מיט פערציג יאָהר צוריק — אַז אזעלכעס וועט געשעהן מיט פעלשטינער אין אַמעריקא ? !

אָבער עס איז געשעהן. און דאָס מעג אויך פאַררעכענט ווערען אַלס א טהייל פון דעם פעלשטינער „נס" . . .

א פעלשטינער געזעלשאפט איז פאַראן — און דאָס איז צו פאַרדאנקען די ברי־דער „גרינדער" לייביש ברענמאן און הירשל אוילשטיין ע"ה . . וו. שענקמאן, מ. האָפ־מאן, ש. וואסערמאן און אַנדערע.

געפלאָגט האָבען זיך די גרינדער אָהן א שיעור איידער זיי האָבען צוזאמענ־געשלעפט דאָס ביסעל פעלשטינער עולם. יאָהר איין יאָהר אוים האָבען זיי נים אויפ־געהערט בעטען און אַפּעלירען : „פעלשטינער ! לאָמיר זיין צוזאמען ! לאָמיר לעבען אין אחדות ! לאָמיר העלפען איינס ס׳אנדערע" ! פילע האָבען זייער געבעט דערהערט— אנדערע, צום בעדויערען, נים . . ביז היינט צו טאָג אפילו נים.

טראָין דעם לעבט דער פעלשטינער פעראיין . . .און לאנג וועט ער אי"ה לעבען ! ער וועט לאנג לעבען ווייל ער האָט זיין שליחות אין לעבען נאָך נים דערפילט . . אמת ער האָט געהאָלפען די ברידער אין א נויט, געשאפען פאָר זיי מעדיצינישע הילף, פאַר־זאָרגט די אָפּגעשיידטע פון אונז מיט בכבוד׳יג לאנד ווען די אייביגע רוה איז געקומען. אמת דער פעלשטינער פעראיין האָט געהאָלפען פעלשטין אין דער צייט פון די פּאָגראָ־מען, פאַראייביגט און פאַרהייליגט דע נעמען פון די פעלשטינער קדושים אין א גאָלדענעם בוך וואָס וועט בלייבען נאָך אונז אַזוי לאנג ווי די וועלט וועט שטעהן. אמת, דער פעראיין האָט נאָך פיעל, פיעל גוטעס אויפגעטאָן און — דאָך האָט ער זיין שליחות און זיין חוב צום אידישען פאָלק נאָך נים דערפילט . . .

די פעלשטינער קדושים און די מיליאָנען אידישע הרוגים איבער גאָר דער וועלט, רופען יעדען אידען, יעדע אידישע קעפערשאפט צום לעבען !

א חשבון האָבען מיר מיט דער גאנצער וועלט ! ווארטען און האָפען מוזען מיר אויף דעם יום הדין ! מיר מוזען לעבען ! דערפאר זיינען מיר געראטעוועט געוואָרען ! דערפאַר איז דער נס געשעהן מיט פערציג יאָהר צוריק ! . . .

לאנג לעבען זאָל דער פעלשטינער פעראיין !

לאנג לעבען זאָל אונזער אידיש פאָלק ! . . .

### פונ׳ם פעלשטינער פעראיין

וועלוועל שענקמאן, פרעז. יוסף שניידערמאן, וויים־פרעז.

Bottom Row—Left to Right
MR. H. HUBERMAN, Chairman of Committee, MR. REICHTER, Treasurer, MR. SCHENKMAN, President, MR. I. SCHNEIDERMAN, Vice Chairman and Vice-President
MR. REISS, Secretary, MR. HOFFMAN, Committee, MR. WASSERMAN, Committee
Top Row— Left To Right
MR. BAUM, Committee, MR. I. BAUM, Committee, MR. WASSERMAN, Financial Secretary, MR. PORTNOY, Committee, MRS. SCHENKMAN, MR. OKSMAN, Comm.
MR REISS, MR. J. HOFFMAN, Committee, M. BAUM, Committee





## ברוכים הבאים

צו אלע אנוועזענדע שרייען מיר אוים מיט גרוים שמחה

## ברוכים הבאים!

עס איז באמת אן אונגעהויער גרויסער כבוד פאר אונז צו באגריסען און אויס־צודריקען א הארציגען וועלקאמען צו די מיטגלידער פונ'ם פעראיין און אויך צו דער פעלשטינער לײדיס אקזילערי; צו אלע פעלשטינער לאנדסלייט און אויך צו די חשוב'ע געסט פאר דעם כבוד וואס זיי האבען פארשאפט דעם פעלשטינער פעראיין מיט זייער אנוועזענהייט היינט אווענט — דעם פערציג יאהריגען יובילעאום פונ'ם פעראיין.

פון טיפען הארצען בעדאנקען מיר אלע — אלע אנוועזענדע פאר באטייליגען זיך אין אונזער גרויסען יום טוב . . .

ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר אויך אויסדריקען אונזער וואונטש און אונזערע האפנונגען, אז די פעלשטינער וואס זיינען אוועקגעשטאנען פון אונז אין די פארביי־געגאנגענע יאהרען וועלען, סוף כל סוף, זיך אנשליסען אינ'ם פעלשטינער פעראיין.

זאל נים פארגעסען ווערען, אז ס'איז דאך בעסער צו זיין א פרעמדער צווישען אייגענע אידער אן אייגענער צווישען פרעמדע . . .

מיט רעספעקט,

**וועלוועל שענקמאן,**

פרעזידענט פונ'ם פעלשטינער פעראיין



HERMAN S. UBERMAN

*Chairman, Arrangements Committee*

On this happy occasion, may we welcome the many friends who have joined us in making this publication possible. Our appreciation of your contribution to this effort is unbounded.

We extend our most sincere thanks to the Chairman of our Journal, Brother Jonah Baum for his sincere efforts: and also our heartfelt appreciation to all our friends on the Arrangements Committee who have made this grand affair possible.

Men of good will, men of sincere mind, can accomplish everything possible together. We must, all of us, each of us, be such men. It is not sufficient that we profess to be men of good-will, we must demonstrate it actively. Our actions must prove our intentions.

HERMAN S. UBERMAN

Chairman, Arrangements Committee

FIRST FELSHTINER PROGRESSIVE BEN. ASS'N

פון טיפען הארצען באַגרים איך מיינע טייערע און ליבע קאַזינס מר. און מרס. ד. פאַיעווסקי . .

ביי דער געלעגענהייט, פרעהט מיך זעהר אויך אויסצודריקען מיין טיפע דאנק־באַרקייט צו קאַזין פאַיעווסקי פאַר זיין שכל הישר׳דיגער עצה בנוגע דער פראַגע פון אידישען „רעליף״ געמליך : אַז „יעדער איד מוז העלפען, צוערשט, זיין געבורט שטאָדט; ווען אָבער דאָס קאָן ניט אויסגעפירט ווערען איבער דער סיבה וואָס זיין געבורט־שטאָדט איז חרוב און פאַרוויסט געוואָרען ביז גאָר אָהן אַן איבערבלייב — דאַן איז די פליכט פון אַזא אידען צו העלפען זיינע איבערגעבליבענע, אומגליקליכע ברידער פון די הרוב׳ע לענדער וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען״.

די עצה נעם איך אַן, און מיט פאַרגעניגען וועל איך איהר האַלטען פאַר מיין אויפגאַבע פון היינט און ווייטער — ווי אייער ראַטה אַזוי מיין טהאַט . . .

מיט כבוד און ליעבשאַפט,

הערמאַן האַבערמאַן

# באגריסונג

דר. מ. האפמאן

מיט געטישטע געפיהלען קום איך איצט צו באגריסען אייך — מיינע חשוב'ע ברידער און שוועסטער פונ'ם פ. פ. פ. ב. א.!

ס'פרעהט מיך אוודאי וואס איך האב דערלעבט די צייט ווען אונזער פעראיין פייערט דעם פערציג־יאהריגען יובילעאום פון זיין עקזיסטענץ.

מיין פרייד איז אבער פארשטערט איבער דעם גרויסען אומגליק וואס האט גע־טראפען אונזער פאלק בכלל און אונזער ארעם שטעטעל בפרט — ווער ווייסט צו עס געפינען זיך אויף דער וועלט כאטש איינינע איבערגעבליבענע פון אונזער געבורט שטעטעל!

עס איז אבער פארט ביי אונז א שמחה און מען מוז פאר א ווייל'ע אוועקטרייבען די טרויעריגע געדאנקען און זאגען א פאר הארציגע ווערטער וועגען אונזער באליבטען פעראיין.

פערציג יאהר זיינען פארלאפען זינט א הויפעלע לאנדסלייט האבען זיך פארזא־מעלט און געגרינדעט דעם פ. פ. פ. ב. א. דורך די פערציג יאהר איז אונזער פעראיין געוועזען ווי א קליין בוימעלע וואס וואקסט אין מיטען פעלד וואו בייזע ווינטען בלאזען און בויגען דאס בוימעלע, רייסען די בלעטער און אויך אמאל די צווייגעלאך. אבער דאס בוימעלע איז מיט עקשנות אויסגעשטאנען אלע מורא'דיגע אנפאלען און האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען.

די געשיכטע פון אונזער פעראיין וועלכע איז טהיילווייז באשריבען אין אונזער בוך „פעלשטין" איז פול מיט שטורעמדיגע צייטען און דאך איז דאס אלעס אויסגע־שטאנען און מיר האבען דערלעבט צו פייערען דעם פערציג יאהריגען יובילעאום.

טא, לאמיר פארגעסען כאטש אביסעלע אין אונזערע צרות און כאטש אויף א ווייל'ע זיך א פרעה טאן . . ווי אין פוק שטעהט געשריבען: „לכל עת" — אויף אלעס איז פאראן א צייט — פאראן א צייט צו טרויערען — אויף דעם האבען מיר אונזער יעהרליכען יאהרצייט נאך די פעלשטינער קדושים וועלכע זיינען אומגעקומען אין דעם פאגראם אין 1918 — איצט אבער איז די צייט געקומען כאטש אביסעלע זיך א פרעה צו טאן . . .

און לאמיר האפען אז צו אונזער פופ ציג יאהריגען יובילעאום וועט דער אלגע־מיינער אידישער מצב פיעל פארבעסערט ווערען און מיר וועלען אלע דערלעבען צו פייערען יענעם יובילעאום מיט א סך גרינגערע הערצער ווי אצינד.

זייט־זשע מיר אלע געגריסט מיינע טייערע ברידער און שוועסטער פון פעלשטינער פעראיין.

ווי עס ווינשט אייך אייער איבערגעגעבענער לאנדסמאן און ברודער.

דר. מ. האפמאן



# מיין הארציגע באגריסונג צום פערציג יאריגען יובל

## פון „ניי־פעלשטין"

פערציג יאהר פעלשטין אין אמעריקע. פערציג יאהר געבויט א ניי לעבען אין אונזער אדאפטירטע לאנד, וואס האבען מיר פעלשטינער דערגרייכט? וואס פאר א ווארצלען האבען זיך דורכגעשלאגען מיט אונזער אפצורייסען זיך פון ארימען פעלשטין צו די פאראייניגטע שטאטען?

כדאי א בליק צו טאן מיט אפענע אויגען און זיך אפגעבען א שטיקעל חשבון, — אגב אפפאטאגראפירען כאטש אין דמיון א צעהן פאמיליעס וואס זיינען פאקטיש דער רוקענביין פון דעם נייע פעלשטין, ווי זיי שטעהען און געהען אלס די גרינדער פון פעלשטינער פאראיין, גייסטיג און פיזיש, און באלד ווערט פאר מיר קלאר אז די ירושה פון אונזערע טאטעס און מאמעס איז ניט געגאנגען לאיבוד, און וועט, בעזרת השם, ניט געהן לאיבוד עד סוף כל הדורות! זייער השפעה איבער אונז האט גורם געווען אז וואו נאר א פעלשטינער קינד גיט א טראט טראגט עס דעם חותם פון „זכות אבות", זייערע לעהרעס און מידות, און אפילו זייערע „ויצעקו"־ וועלען שטענדיג קלינגען אין אונזערע אויערען און מיר וועלען דאס איבערגעבען בירושה צו אונזערע קינדער— די תורה פון פעלשטינער גלות איד.

צו זיין ערליך — זיין א מענש מיט נאמנות, — ארייננקוקען אין א ספר, און דער עיקר זיין א מענש בפה מלא.

מיט יראת הכבוד און גרויס דרך ארץ פאר'ן אלט פעלשטין, וואס איז לצערי שוין בלויז א זכר . . . שרייב איך איצט מיין באגריסונג צו אונזער פערציג יאריגען יובל — צום ניי „פעלשטין" וואס איז ארויסגעוואקסען זייט דער גרינדונג פון דעם ערשטען פעלשטינער פראגרעסיווען פאראיין 40 יאהר צוריק. זאל אונזער היינטיגע שמחה זיך הערען בכל ארבע פינות העולם וואו נאר א פעלשטינער קינד וועט אויסוואקסען — דער זכר לדורות, וואס האט פאר אונז אנגעצייכענט צו געדענקען אונזער טראגעדיע, דעם חורבן פעלשטין, די שחיטה וואס וועט אייביג ניט פארגעסען ווערען, פאר אונ־זערע קינדער און קינדס קינדער בפרט און פאר דער וועלט בכלל.

איך באגריס אייך פון טיפסטען הארצען, און זאל דאס פעלשטינער פאראיין בליהען און וואקסען ניט ערגער ווי ביז היינט, — דאס ניי פעלשטין האט שוין מיט זיך א שטיק וויכטיגע היסטאריע אויפ'ן קולטורעלען געביט, א ענין וואס גיט מיר ליידער ניט קיין פלאץ אין מיין באגריסונג, א ענין וואס איך וועל אין א שעת הכושר זיך אפשטעלען באריכות, אויב איך וועל דערצו זוכה זיין?

ווי חברים און לאנדסלייט לאמיר זיך הארציג באגריסען און טראדיציאנעל פאר־זעצען אונזער קיום הפעלשטין עד סוף כל הדורות.

אייער אמת'ער בן עיר,

בערל בוים

# באַגריסונג

ד״ר י. קלינג

דער פּעלשטינער פֿאַראיין ציילט איצטער פֿיר צענדליק יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ; אָבער לאָמיר ניט פֿאַרגעסן אַז עס איז שוין מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט די גאָר ערשטע פּעלשטינער פּיאָנערן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייער וואַנדערוועג קיין אַמעריקע.

דאָס קליינע הייפעלע פּעלשטינער אימיגראַנטן האָבן זיך אין די ערשטע יאָהרען אין דעם נייעם לאַנד געפֿילט איינזאַם, אָרעם, עלענט און פֿאַרלוירען ווי די אַבילי ציון וירושלים נאָכ׳ן ערשטען חורבן אויף פֿרעמדער ערד. ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט פֿאַרגעסן דאָס שטעטעל וואו זייער וויגעלע איז געשטאַנען און די ערד וואו זיי האָבן געמאַכט דעם ערשטען טראָט?

ביי אַלעמען איז דאַמאָלט געבוירען געוואָרען דאָס געפֿיהל אַז מען מוז אויפֿבויען אַ מקום מנוחה אין דער נייער היים, אַ פֿאַראיין וואו די פּעלשטינער זאָלן זיך טרעפֿען, צונויפֿקומען אַנצוזאָוואָריטען דאָס פֿאַרפֿרוירען עלענט הארץ, שטילען דעם דורשט נאָך חבר׳שאַפֿט און דאָס בענקשאַפֿט צו דער אַלטער היים.

די איינציגע פּעלשטינער וועמען עס איז געראָטען צו גרינדען, אויפֿבויען און פֿאַרווירקליכען דעם געדאַנק פֿון אַ פּעלשטינער פֿאַריין האָבן כשר פֿאַרדינט ביים היינטיגען יום טוב הנאה צו האָבן פֿון זייערע מעשי ידיהם.

אויב אפילו דער פּעלשטינער פֿאַראיין האָט דאָ אין דעם לאַנד געקאָנט זיין בלויז אַ ווייטע רעפֿלעקציע, אַ שאָטען פֿון דעם אַמאָליגען רייכען פּרוכטבאַרען, שפּרודעל-ז׳יגען, עכטען פּעלשטינער לעבען איז דאָס אויך געווען ביי די נייע אומשטענדען אַ גרויסער אויפֿטהו און אַן אמת׳ע דערגרייכונג.

אַוועק אַזוי פֿיעל יאָרען, ווי אַ חלום פֿאַרפֿלויגען, אָט, דאַכט זיך, ערשט געווען נעכטען . . . אַוועק אַזוי פֿיעל יאָרען, יאָרען שווערע אָנגעלאָדענע מיט פּיין, יסורים, צער און ליידען פֿאַר אונז, פֿאַר אונזער פֿאָלק און נאָך מעהר פֿאַר אונזער בלוט און פֿלייש וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים און פּעלשטין. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן מיר באַקלאָגט די טויטע, די קדושים וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרען בשעת דעם פּאָגראָם וואָס פּעטלוראַס היידעמאַקעס האָבן געמאַכט אין פּעלשטין. באַוויינט די טויטע און געשאַפֿען הילף פֿאַר די לעבען געבליבענע.

היינט נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה איז געבליבען פֿון פּעלשטין אַ באַרג אַש. נישטאָ קיין ידיעה, נישטאָ וואָס צו ציילען! נישטאָ קיין קול, קיין וואָרט, שאַ, שטיל ווי אויף אַ בית עולם. מיר ווייסען אַפֿילו ניט וואָס מיט זיי איז געשעהן.

געבליבען זיינען איצטער בלויז די פּעלשטינער וואָס זיינען אין אַמעריקע, און די איינציגע אינסטיטוציע, דער פּעלשטינער פֿאַראיין. דאָס איז געבליבען פֿון אונזער גאַנצן פֿאַרמעגען.

אין ניינצען אַכט און דרייסיק האָבן מיר אַ גרופּע חברים מיט דער געטרייער הילף פֿון פּעלשטינער פֿאַראיין געשאַפֿען דאָס גרויסע בו דפּעלשטין, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם אויף דער אידישער גאַס. מיט דעם בוך האָבן מיר פֿאַראייביגט אונזער שטעטעל עד לדורות. מיר האָבן דעמאָלט ניט געהאַט אויף דער מחשבה אַז מיר שטעלען אַ מצבה און שרייבען אַן עפּיטאַף ניט בלויז פֿאַר די קדושים וואָס זיינען אומגעקומען אין דעם פּאָגראָם פֿון 1919, נאָר אויך אַ מאָנומענט פֿאַר דעם פּעלשטין וואָס איז היינט בלויז אַ געדעכעניש, בלויז אַ זכרון.

אונזערע זיהן זיינען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַוועק אין שלאַכט מיט דעם שענדליכען בלוטיגען שונא, און די וואָס זיינען געבליבען לעבען קערען זיך אום אַהיים זיגרייך. זיי האָבן דעם שונא געשלאָגען עד חרמה. אָבער וואָס איז אונזער זיעג? אין דעם אַנגעזיכט פֿון אונזערע זעקס מיליאָן טויטע וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם, פֿאַרברענט אויף אַש — ווי אַזוי קאָנען מיר זיך פֿרייען און פֿייערען אַ נצחון?

אָבער ביי אונז ביי די עלשטינער איז פֿאָרט היינט אַ יום-טוב. דער פּעלשטינער פֿאַראיין ווערט איצט אַלט פֿערציג יאָהר. די וואָס לעבען מוזען ציהען דעם המשך פֿון זייער לעבען ווי ביטער דאָס לעבען זאָל ניט זיין. אונזער גאַנין פֿאַרמעגען איז דאָך דאָס פּעלשטין וואָס איז אין אַמעריקע. זאָל לאַנג לעבען אונזער פּעלשטינער פֿאַראיין. נעמט אָן מיין האַרציגע, טיין שטילע ברכה אין דער שעה פֿון אונזער יום טוב, פֿון אונ-זער יובל באַנקעט.

איך באַגריס אייך אַלע מיינע פּעלשטינער ברידער און דריק אויס מיין וואונש אַז דער פּעלשטינער פֿאַראיין, אַלע פּעלשטינער אין אַמעריקע מיט זייערע קינדער און קינדס קינדער און דער נאָמען פֿון אונזער שטעטעל פּעלשטין זאָל אייביג און אייביג פֿאַרבלייבען אין ספר החיים עד סוף כל הדורות.

## אונזער הארציגען גרוס צום פעלשטינער פעראיין

## און צו אלע אונזערע גוטע פריינט

מיר דאנקען די אלטע און די איצטיגע בעאמטע פאר זייער געדולד און אויסדויער, זיי זיינען דער באדען אויף וועלכען דער פעראיין שטעהט. און מיר עהרען דעם אנדענקען פון די געפעהלטע. זיי זיינען געוועז די גרינדער און די פיאנערען — ווען ניט זיי ווער וואלט געוועז פאראייביגט די נעמען פון אונזערע פעלשטינער קדושים ? . . .

די פארגאנגענע פערציג יאהר זיינען געוועז שווערע און ביטערע. לאמיר האפען אז די קומענדיגע פערציג יאהר וועלען ברייגנען גליק און פרייד צו אלע אונזערע ברידער און שוועסטער . .

**די ברידער ריכטער און זייערע פרויען**

**MR. & MRS. BENJAMIN RICHTER**

995 East 181st Street — Bronx, N. Y.

**MR. & MRS. JOE RICHTER**

1120 College Avenue — Bronx, N. Y.

**MR. & MRS. JACOB RICHTER**

215 Mt. Hope Place — Bronx, N. Y.



## ב א ג ר י ס ו נ ג

א פייערדיגע פרייד כאפט מיך ארום ווען איך זעה פאר זיך דעם יום־טוב'דיגען פעלשטינער עולם צום פערציג יאהריגען יובל פון אונזער פעלשטינער פעראיין. און פון גרוים שמחה ווילט זיך מיר א שטיף טאן — ווי עס איז מיין טבע . . . טוט מיר אבער א טשמעל אין קאפ אריין די פראגע : וויי . . . וויי ! וואס איז געווארען פון אונזער פעלשטין ? ! . . . און נאר פון פעלשטין ? און פון קולטשין ? און פון טאלטשין ? און פון קאזמין ? און פון און פון . . . פון היטלער'ס יורשים און פון געהרינגס גוידער מיט זיינע צוואנציג ארעסטאנטען זאל ווערען אזא תכלית ווי עס איז געווארען פון אונזער פעלשטין טאטע זיסער ! איז געה טהו א הוליע ווען פאר די אויגען שפרייט זיך אויס אזא אומבאשרייבליכער חורבן ! . . .

דאך אזא יום טוב קאן מען ניט אוועקמאכען מיט'ן האנט. ס'איז קיין קלייניגקייט ניט. פערציג יאהר פארבראכט צוזאמען מיט פעלשטינער פאראיין ברידער, אין ליידען און אין פריידען, און דערצו נאך האב איך אויך געהאט די זכיה צו זיין איינער פון די גרינדער וואס האט געהאלפען לייגען דעם פונדאמענט פון אונזער פעראיין. דערפאר, מיינע טייערע שוועסטער און ברידער ! אז מיר האבען אלע זוכה געווען איבערצולעבן אזא ביטערע צייט. . . און טאקע דערלעבט צו פייערען דעם פערציג יאהרינגן יובל פונ'ם פעלשטינער פעראיין — מעגען מיר זיך ערלויבען כאטש אביסעלע משמח צו זיין . . .

זייט־זשע מיר, אלע פעלשטינער, הארציג געגריסט און לאמיר אלע האפען, טאקע ווידער, צו האבען די זכיה צו דערלעבען דעם פופציגסטןיובל פונ'ם פעראיין מיט פיעל, פיעל גרינגערע הערצער . . .

**מאיר בן יוסף חנא'ס**

פון א געזונד קערענדעל, א גוטען אנראנאם וואקסט א בוים, און פון אמת רחמנות מסירת נפש וואקסט א פעראיין. אונזער פעלשטינער פעראיין האט די דריי זאכען וועלכע זיינען אין די הערצער פון די ווירדיגע דריי גרינדערס מר. : מאיר האפמאן, וועלוועל שיינקמאן, סעם וואסערמאן. נ'דערפאר האט אונזער פעראיין דערגרייכט די עלטער פון פערציג יאהר. מיין הארציגע ברכה יעדען באזונדער פון די ווינדערגרינדער זיי זאלען האבען נחת נ'די קינדער פול מיט גלויבען אז דער לעבען וועט זיך וועבען שטיל רוהיג ווי די טויבען ווי א בלום — א גליק רייך א סך פריש פריי, אויפסניי, פרעהליך און צופרידען ביי אייך און ביי אלע אידען.

ווי אויך צו אלע מיינע פעלשטינער ברידער בכלל ישראל ווינטש איך אז געשווינד פון אצינד זאל אונזער לעבענס וועג זיך שפרייטען און ביי די זייטען קווייטען בלויע הימלען זאלען זאמלען קוואלען שטראלען אייך באגלייטען אלע יאהרען זאל ווערען פול מיט קוראזש א מיש מאש פון גליק און חן, א פרישע צארטע בלום פון גן עדן אליין פרייד אויף פרייד געזאנגען קלאנגען זאלט איהר הערען וואו איהר וועט זיך קערען גליקליך ווערען אלעם אינאיינעם צו יעדען איינעם זאל פליסען, אייך באגיסען, און געניסען, זאלט איהר פון די בעסטע גרעסטע שעהנסטע זאכען און דערלעבען הערען גיך שופר־של־משיח קנאלט און שאלט און קרעפטיג ווערען ווידער די גלידער פון די ברידער און מאכען דעם אנפאנג נאנג קיין ציון מיט געזאנג. אמן.

מיט אכטונג,

**הק' דוד שלמה בהרב מהר"ר משה חנוך הכהן נאוויעסעלער,**
פעלשטינער רב

## באַגריסונג

### הירש בוים

פערציג יאָהר עקזיסטירט דער פעראיין — זיכער לאַנג גענוג פאַר מענטשליכער טהעטיגקייט צו האָבען געדינט און צו האָבען דערגרייכט דעם צוועק פאַר וועלכען די גרינדער האָבען געשאַפען דעם פאַראיין.

האָט דער פאַראיין דערגרייכט יענעם ציעל צו וועלכען די גרינדער האָבען געשטעלט פאַר זיך אין די ערשטע צייטען ?

ווער זאָל געבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע ? דער טיכטיגער מיטגליד אָדער דער וואָס האָט זיך קיין מאָהל ניט געקימערט וואָס עס קומט פאַר אינ'ם פאַראיין ?

געוויס האָט דער טיכטיגער מיטגליד דאָס רעכט צו געבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע און ניט דער וואָס איז געבליבען דרויסען און פון ווייטען.

קודם כל אָבער — ווער זיינען עס געווען אונזערע גרינדער און וואָס האָבען זיי געזוכט צו באַצוועקען מיט'ן פאַראיין ?

דער ערשטער פרעזידענט לייביש ברענמאַן ע"ה — איז געווען אַ בית מדרש אינגעל, אַן איידעל און ווייך הארציגער מענטש. פעלשטין איז געווען זיין וועלט, די גמרא זיין נשמה. דאָ אין דער גרויסער שטאָדט האָט ער זיך פאַרלוירען, אַן עלענדקייט האָט איהם ארומגעכאַפט, די שפראַך איז איהם געווען פרעמד, די פרעמדקייט און עלענדקייט האָט איהם געצוואונגען צו פרעגען לאַנדסלייט ווען ער האָט זיי באַגעגענט: „פאַר-וואָס זאָלען מיר ניט שאַפען אַן אייגען, היימיש ווינקעל וואו פעלשטינער זאָלען זיך קאָנען צונויפקומען ווי אין דער היים ? "

איינער פון די לאַנדסלייט איז געווען מכיל פעלד ע"ה — וואָס האָט איבער-געלאָזט ווייב און קינדער אין פעלשטין און שטאַרק געבענקט נאָך זיי. אויך ער האָט איינגעזעהן אַז מען מוז שאַפען אַן אייגען ווינקעל ווייל פעלשטינער האָבען גענוטען אריבערקומען אין מאַסען, דערצו נאָך גאָר יונגע קינדער, און פון פראַקטיק האָט ער געוואוסט אַז פאַר אַ דערשלאָגענעם פעלשטינער צו זיין עלענד איז ביטער און פינסטער, דערפאַר האָט ער אויך געפיהלט אַז ס'וואָלט געווען אַ נחמה ווען אַ היימיש ווינקעל וואָלט געגרינדעט געוואָרען.

אזא לאַנדסמאַן איז אויך געווען הערי אוילשטיין ע"ה וועלכער האָט באַ-זעסען דעם גייסט פון אַ קינסטלער און אויך אַן אמת גוטע, געטרייע און פרעהליכע נשמה. ביי איהם איז געווען דאָס לעבען צונויפצוקומען זיך מיט פעלשטינער, לאַכען און שטיפען מיט זיי ווי אין זיינע קינדער יאָהרען — אויך ער האָט געגאַרט און געגלוסט צו אַן אייגען ווינקעל וואו מען זאָל, ניט נאָר פאַרברייינגען צוזאַמען נאָר אויך העלפען איינס ס'אַנדערע אין אַ נויט.

די זעלבע מאָטיווען, דעם זעלבען ציעל און דעם זעלבען צוועק. האָבען אויך געהאַט אַנדערע לאַנדסלייט בשעת דער גרינדונג פונ'ם פאַראיין, מיט פערציג יאָהר צוריק . . .

דער היינטיגער יובל פונ'ם פעראיין באַווייזט אַז זייער ציעל איז דערגרייכט געוואָרען . . .

היינט ? . . . היינט אָבער, ווען פון פעלשטין איז זיכער קיין זכר ניט געבליבען, מוזען מיר אַלס לאַנדסמאַנשאַפט פאַרטזעצען זייער ארבייט מיט גאָר אַן אַנדער קוק אויף דער צוקונפט. מיר מוזען אין זינען האָבען אונזערע אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער, אַנווייזען זיי, אַז זיי זיינען דער אָפּשטאַם פון פעלשטין, און באַווייזען זיי אַז זיי קאָנען ניט און טאָרען זיך ניט אָפּרייסען פון דעם שטאַם פונקט ווי די גרינדער האָבען ניט געקאָנט און ניט געטאָרט פאַרגעסען אין פעלשטין . . .

איך האָף אַז מיר וועלען אַלע שטרעבען און אַרבייטען פאַר דעם נייעם ציעל וואָס די צייט האָט אויפגעשטעלט פאַר אונז . .

מיט פרייד באַגריס איך אַלע ברידער און שוועסטער פאַר זייער אונערמידליכער ארבייט צו פאַראייניגען אַלע פעלשטינער און אויך פאַר צייטיגער הילף וואָס זיי האָבען געשאַפען אין צייט פון נויט און אויך פאַר'ן אריינברייינגען אַ „געפיהל פון איינִיגקייט און קאָלעקטיווער אַחריות צווישען דער פעלשטינער לאַנדסמאַנשאַפט . . .

Our Best Wishes to all
**MR. & MRS. H. BAUM**





Our Sincerest Congratulations and Best Wishes to all our friends
From

## MR. & MRS. IRVING WASSERMAN

צוזאַמען מיט אונזער ליבינקע מוטער **דוואָסיע**

1665 TOWNSEND AVENUE BRONX, N. Y.

I. W. Recording Sec'y Banquet Committee

## באַגריסונג

די השגחה האָט געוואָלט און האָט אַזוי געפירט אַז איך זאָל זיך פאַראייניגען מיט מיינע לאַנדסלייט וואָס זיינען גרופירט ארום דעם פעלשטינער פעראיין. בין איך גליקליך צו האָבען דעם זכות אנטייל צו נעמען אין דעם 40 יעהריגען יובילייַ פון דער פעלשטינער סאָסייעטי, און איך בין באַזונדערס צופרידען צו דער גרויסער שמחה צו באַגריסען די בעאַמטע מיט אַלע מעמבערס פון פעראיין בכלל און די גרינדער, די ברידער וו. שענקמאַן, מאיר האָפמאַן, און סעם וואַסערמאַן בפרט. פאַר אַ ליכטיגער צוקונפט פאַר דעם אידישען פאָלק און פאַר ווייטערדיגער נוצליכער ארבייט, מיר זאָלען אַלע דערלעבען פייערען דעם 50 יעהריגען יו"ט.

**מיכל בן ישראל פעלד**

IN MEMORY OF



## SEYMOUR VIGDOR

**FELSHTINER LADIES AUXILIARY**

MRS. B. NEWMAN, Pres.



Compliments and Best Wishes to the

Felshtiner Association and to all our dear friends

## SAGERMAN BROS.

352—7th AVENUE

New York City

**JACK SAGERMAN**

305 Linden Boulevard — Brooklyn, N. Y.

**JOE SAGERMAN**

1513 East 49th Street — Brooklyn, N. Y.

**PHILIP SAGERMAN**

55 Winthrop Street — Brooklyn, N. Y.

**MEYER SAGERMAN**

39 East 55th Street — Brooklyn, N. Y.

Hearty Congratulations and best wishes from our Vice-President to the First Felshteener Ben. Association upon the occasion of its 40th Anniversary, and also to the Ladies Auxiliary and our dear friends.

**MR. & MRS. J. SCHNEIDERMAN**

and Family

919 EASTERN PARKWAY BROOKLYN, N. Y.

**HERMAN S. UBERMAN**

226 WEST 29th STREET NEW YORK CITY

**LICHTMAN and POPKIN**

216 WEST 29th STREET NEW YORK CITY



## MEMBERS

MR. & MRS. JOSEPH APTMAN
MR. & MRS. BERNARD BAUM
MR. & MRS. HARRY BAUM
MR. & MRS. JONAH BAUM
MR. & MRS. JOSEPH BAUM
MR. & MRS. ISIDOR BECKER
MR. & MRS. MORRIS BRENMAN
MRS. ANNA BERLINSKY
MR. & MRS. HARRY COHEN
MRS. MINNIE COHEN
MR. & MRS. GEORGE COOPER
MR. & MRS. SAMUEL COOPER
MR. & MRS. JULIUS CRYSTAL
MR. & MRS. ALEX DARDICK
MR. & MRS. DAVID FELDMAN
MR. JACOB FELD
MR. & MRS. ABRAHAM FISCHBEIN
MR. & MRS. DAVID FISCHBEIN
MR. & MRS. ISAAC FISCHBEIN
MR. & MRS. MORRIS FISCHMAN
MR. & MRS. DAVID FORMAN
MR. & MRS. NATHAN FORMAN
MR. & MRS. MORRIS FRIEDMAN
MRS. ANNA FUCKSMAN
MR. & MRS. HERMAN GELLERSTEIN
MR. & MRS. SAMUEL GOLDBERG
MR. & MRS. SAM GOLDMAN
MR. & MRS. MAX GOLDSMITH
MRS. SARAH GREY
MR. LOUIS GREENBERG
MRS. BESSY GREENBERG
MR. & MRS. BENJAMIN HOFFMAN
MR. & MRS. MEYER HOFFMAN
MR. JACK HOFFMAN
DR. & MRS. MORTON HOFFMAN
MRS. ROSE HOFFMAN
DR. & MRS. WILLIAM HOFFMAN
MR. & MRS. MAX HOROWITZ
MRS. SADIE KAPLAN
MRS. MINNIE KUM
MRS. SONIA KURIS
DR. & MRS. J. KLING
MR. & MRS. ISIDOR LISS
MR. & MRS. LOUIS LOEWENSTEIN
MRS. ROSE MITKOFF
MRS. BEATRICE NEWMAN
MR. & MRS. MEYER NEWMAN
MR. & MRS. SAM NIERENBERG
MR. & MRS. ISIDOR OKSMAN
MR. & MRS. JOE OKSMAN
MRS. SELDE OLSTEIN
MR. & MRS. ISIDOR OLSTEIN
MR. & MRS. JACOB OLSTEIN
MR. & MRS. MAX OLSTEIN
MR. & MRS. NATHAN POBER
MR. & MRS. DAVID POMERANTZ
MR. & MRS. SAM PORTNOY
MR. & MRS. USHER REISES
MR. & MRS. BENJAMIN RICHTER
MR. & MRS. JACOB RICHTER
MR. & MRS. JOSEPH RICHTER
MR. HERMAN SAFFRAN
MR. & MRS. MORRIS SALZMAN
MR. & MRS. WILLIAM SCHENKMAN
MR. & MRS. LOUIS SCHLIG
MRS. ROSE SCHREIER
MR. & MRS. M. SCHWARTZBERG
MR. & MRS. ISAAC SIEGEL
MR. & MRS. SAM SIEGEL
MRS. FANNIE SILVERMAN
MR. & MRS. A. SILVERMAN
MR. & MRS. M. J. SILVERMAN
MR. & MRS. MORRIS SILVERMAN
MR. & MRS. OSCAR SILVERMAN
MR. & MRS. SAM SILVERMAN
MR. & MRS. SAMUEL SILVERMAN
MR. & MRS. JOE SCHNEIDERMAN
MR. & MRS. MAX SPECTOR
MR. & MRS. MAX STILLMAN
MR. & MRS. ABE UBERMAN
MR. & MRS. HERMAN UBERMAN
MR. & MRS. JOSEPH URBANT
MR. & MRS. LOUIS WASSERMAN
MR. & MRS. SAM WASSERMAN
MR. & MRS. SIMON WASSERMAN
MR. MRS. IRVING WASSERMAN
MR. & MRS. ABRAHAM VECHS
MR. & MRS. SOLOMON ZWEIG

Heartiest congratulations and best wishes to the Felshtiner Society upon its 40th anniversary. May it grow and be successful in all its endeavors.

**MR. and MRS. WILLIAM SCHENKMAN**

875 WEST 181st STREET — NEW YORK CITY

In honor of our dear and beloved Son

**LT. C. M. SHENKMAN**

who has just returned from the United States Army

**FATHER and MOTHER**

---

In Honor of our Brother and Uncle

**LT. CALMAN M. SHENKMAN**

upon his return from the army of the U. S.

**SAMUEL and DOROTHY SILVERSTEIN**

and Daughters

235 SEAMAN AVENUE — NEW YORK CITY



אונזער הארציגען גרוס צו יעדען פעראיין ברודער און צו אַלע שוועסטער פון דער ליידיס אַקזילערי און אויך צו אַלע פעלשטינער לאנדסלייט און חשוב'ע געסט.

די פערציג יאָהר עקזיסטענץ פונ'ם פעראיין זיינען געווען שווערע און ביטערע, זיין עקזיסטענץ באַרעכטיגונג דאַרף ניט באַווייזען ווערען. די צייט אליין האָט דאָס פעסטגעשטעלט.

אויף אימער און אייביג . . .

**MR & MRS. B. BAUM**

95 MAFFET STREET — WILKES-BARRE, PA.

---

Hearty Congratulations to our Felshtiner Ben. Association and best wishes to all our dear and beloved friends

**DR. & MRS. M. HOFFMAN**

195 HEWES STREET — BROOKLYN, N. Y.



BEATRICE NEWMAN
President of
Felshtiner Ladies Auxiliary

*Compliments of*

**JOSEPH KIRSHBAUM**

and Family

of Philadelphia



Greetings and Best Wishes From

**JULIUS ARM**

215 WEST 29th STREET NEW YORK CITY

Greetings and Best Wishes from

**MR. & MRS. DAVID POMERANTZ**

Greetings and best wishes from

**MR. and Mrs. N. FORMAN**

In honor of our Sons

**CORP. FRED FORMAN**

**ST. SGT. JEROME FORMAN**

**TOP SGT. HAROLD FORMAN**



*Compliments of*

**S. WEINSTEIN**

1922 CROTONA PARK EAST BRONX, N. Y.

Greetings and best wishes from

**MR. & MRS. ALEX DORDICK**

In Honor of our Sons

**SGT. BENNIE DORDICK**

**SGT. BERNARD ROSSOFSKY**

פון טיפען הארצען באַגריסען מיר דעם פעלשטינער פעראיין צוזאמען מיט דער
„ליידיס אַקזילערי״ און אויך אַלע אונזערע פריינט און לאנדסלייט וואו זיי זאָלען זיך
ניט געפינען — נאָהענט אָדער ווייט . . .

**MR. & MRS. JOSEPH BAUM**

and Family

214 WEST 28th STREET NEW YORK CITY

---

**In Memory of our Son**

**SEMOUR VIGDOR**

**Who gave his life for our Country**

**April 7, 1945**

**MR. & MRS. SAM VIGDOR**

431 NEW LOTS AVENUE BROOKLYN, N. Y.



*Compliments*

*of*

**SAMUELSON - ROMER FURS**

370—7th AVENUE NEW YORK CITY

---

Compliments and Best Wishes to all our Friends

**MR. & MRS. S. C. WASSERMAN**

1545 MINFORD PLACE BRONX, N. Y.

Greetings and Best Wishes to all our Friends

2 KEER AVENUE NEWARK, N. J.

Greetings and best wishes from

**MR. & MRS. ABE GREENBERG**

2341 EAST 18th STREET BROOKLYN, N. Y.



Hearty Congratulations and Best Wishes

**MR. & MRS. SAMUEL WERBACH**

680 FORT WASHINGTON AVE. NEW YORK CITY

Congratulations and our Best Wishes to all Felshtiner

**SCHWARTZ TAG CO.**

29 EAST 19th STREET NEW YORK

**MR. and MRS. SAM SCHWARTZ**

דוד קלימקאוויצערס איניקעל און פרוי

Home Address: 1041 Lowell Street Bronx, N. Y.

Compliments and Best Wishes to all our Dear Friends

## MR. & MRS. ABE ROSEN

and Family

Gary, Indiana

---

מיט פרייד באַגריסען מיר דעם פעלשטינער פעראיין צום פערציג יאָהריגען
יובילעאום און פון טיפען הארצען ווינטשען מיר אלע אונזערע פריינט און לאנדסלייט
צו הערען — צוזאמען מיט אונז — גוטע נייעס פון דער אלטער היים !

## OKSMAN BROS. and FAMILIES

**GENERAL DRY GOODS**

734 LYDIG AVENUE BRONX, N. Y.

FIRST FELSHTINER PROGRESSIVE BEN. ASS'N

Compliments and Best Wishes to all our Friends

## MR. & MRS. DAVID FORMAN

and Family

110-21—73rd ROAD FOREST HILLS, L. I.

---

**Our Brother Member**

## J. S. GARLICK, Inc.

**UNDERTAKERS**

367 GRAND STREET NEW YORK 2, N. Y.

Tel. GRamercy 5-2050

*Compliments*

*of*

**MORRIS FUCHS FUR CO.**

159 WEST 29th STREET NEW YORK CITY

*Compliments*

*of*

**BRONX DRESSING CO.**

1391 LAFAYETTE AVE. BRONX, N. Y.



מיר זײַנען שטאָלץ און מיר פרעהען זיך מיט דער דערגרייכונג וואָס דער פעל־שטינער פעראיין האָט דערגרייכט אין די פערציג לאנגע און שווערע יאָהר פון זיין עקזיסטענץ.

מיר גראטולירען אונזערע ברידער און שוועסטער פאַר זייער אונאויפהערליכען ארבייט און פאַר זייער אמת'ער איבער־געבענהייט.

מר. און מרס. סעם פאָרטנוי

פון טיפען הארצען באגרים איך מיינע טייערע און ליבע אָנקעלס — מאיר, בנימין און דר. מ. האָפמאַן מיט זייערע פאמיליעס און ווינטש זיי אַז זיי זאָלען געזונט און גליקליך זיין.

**JACK HOFFMAN**

לזכר די פעלשטינער קדושים וואָס זיינען אומגעקומען אויף קדוש־השם

ולכבוד די גרינדער און מיטגלידער פונ'ם פעלשטינער פעראיין אין וועמענס זכות די קדושים זיינען פאראייביגט און פאַר־היילינט געוואָרען אינ'ם בוך „פעלשטין".
אונזער הארציגען דאנק צום פעלשטי־נער באנקעט קאָמיטעט.

לאנג לעבען זאָל דער פעלשטינער פעראיין!

**MR. & MRS. JONAS BAUM**
and Family

מיר באַגריסען אלע אונזערע פעלשטי־נער פון טיפען הארצען, און ווינטשען אַז מיר אַלע זאָלען דערלעבען דעם פופציג־סטען יובילעאום פון פעלשטינער פעראיין

Mr. and Mrs.
**JOSEPH AUPTMAN**

1703 ST. JOHNS PL. BROOKLYN, N. Y.

IN MEMORY OF OUR PARENTS

MR. & MRS. J. RUBINSTEIN

951 EAST 18th STREET

Brooklyn, N. Y.

Greetings From

BEN, YETTA & MINNIE

ROSEN

156 N. KENMORE STREET

Los Angeles 4, Calif.

Mr. and Mrs.

JACOB ROSENBAUM

and Sons

2120 CRUGER AVENUE

New York City

Greetings From

ABE SACHS

EVERYBODY'S FRIEND



With Best Wishes to our Dear Friend

Herman S. Uberman

J. COHEN and SONS FUR CO.

Inc.

245 WEST 29th STREET

New York City

*Compliments of . . .*

LOUISIANA MUSKRAT

SALES CO.

228 WEST 26th STREET

New York City

*Compliments of*

Greetings From

NU-FASHION

FUR BLENDING CORP.

226 WEST 29th STREET

New York City

Compliments of . . .

SOLZMAN BROS.

211 WEST 29th STREET

New York City

Compliments of a Friend of

**Wm. Schenkman**

**LOUIS L. COHEN**

270 BROADWAY

New York City

---

Compliments and Best Wishes

**ABE KIRSCHBAUM**

and Family

311 MARKET STREET

Philadelphia, Pa.

---

*Compliments of*

**MR. & MRS. LOUIS HOFFMAN**

216 WEST 27th STREET

New York City

---

Greetings and Best Wishes From

**MR. & MRS. SAM GOLDMAN**

1020 EAST 181st STREET

Bronx, N. Y.

FIRST FELSHTINER PROGRESSIVE BEN. ASS'N

Compliments and Best Wishes from

**MR. & MRS. H. LANDES**

321 WEST 77th STREET

New York City

---

Greetings From

**KALMEN SCHWARZAPEL**

10 MONROE STREET

NEW YORK CITY

---

*Compliments of*

**BENJAMIN COHEN**

**Optometrist**

1355 GRAND CONCOURSE

Bronx, N. Y.

Telephone: TOpping 2-4042

---

*Compliments of . . .*

**R. & R. BLOUSE CO.**

RANKIN STREET

Elizabeth, N. J.

**RAPID FUR DRESSING CO.**

1375 GARRISON AVE. BRONX, N. Y.

---

מיר באַגריסען אונזערע פעראיין ברי-
דער און שוועסטער פון דער „אוקזילערי״
און אַלע אונזערע פריינט פון טיפען האר-
צען.

**מר. און מרס. סעם וואסערמאן**

747 SO. BLVD. BRONX, N. Y.

---

**הארציגע באגריסונג צום פעלשטינער פעראיין**

מיר זיינען שטאָלץ אויף די פערציג
יאָהר עקזיסטענץ, און מיר ווילען האָפען
אַז דער פעראיין וועט אויך אין דער צו-
קונפט זיך פאַרנעמען מיט נאָבעלער אר-
בייט, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אין
די לעצטע פערציג יאָהר.

**MR. & MRS. JOSEPH URBAND**

מיר באַגריסען הארציג דעם פעלשטי-
נער פעראיין צו זיין פערציג יאָריגען
יובל.

**דר. יחיאל און בערטע קלינג**

---

מיר גריסען הארציג אלע אונזערע
פעלשטינער, זאָל זיין לששון ולשמחה
לישועה ולנחמה.

**מר. און מרס. יחיאל צינבורג**

151 NORFOLK ST. NEW YORK CITY

---

מיט פרייד באַגריסען מיר דעם פאר-
איין צום פערציג יאָהריגען יובל.

**MR. & MRS. MAX HOROWITZ**

107-13 117th ST. RICHMOND HILL

---

*Compliments of*

**DR. DANZIS**

31 LINCOLN PARK NEWARK, N. J.



*Compliments of . . .*

**BEETHOVEN HALL**

210 EAST 5th ST. NEW YORK CITY

---

**BROWN & BROWN**

115 WEST 29th ST. NEW YORK CITY

---

Greetings From

**IRVING BROWER**

and Family

SUSEX ROAD

West Englewood, N. J.

---

Greetings and Best Wishes From

**Z. BRENMAN**

**TISHER**

---

**MR. & MRS. A. GOLDMAN**

and Family

5801—14th AVE. BROOKLYN, N. Y.

---

**QUEENS PREMIER WILLIAMS FUR DRESSING CORP.**

222 WEST 29th STREET NEW YORK CITY

---

Compliments and Best Wishes

**SAM POMERANTZ**

6757 FLEET ST. FOREST HILLS, L. I.